**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און די נאציאנאלע הוריקאן צענטער אנאנסירן הוריקאן גרייטקייט וואך אין ניו יארק סטעיט**

***יערליכע קאמפיין אויסגעשטעלט צו אויפקלערן און צוגרייטן ניו יארקער פאר השפעות פון הוריקאנען און טראפישע שטורעמס***

***ניו יארקער ערמוטיגט זיך צו איינשרייבן פאר NY-Alert צו באקומען לעצטע וועטער אלערטס און מעלדונגען בעפאר דעם הוריקאן סעזאן***

גאווערנער קעטי האקול און די נאציאנאלע הוריקאן צענטער האבן היינט אנאנסירט אז 'הוריקאן גרייטקייט וואך' וועט לויפן פון אפריל 30 ביז מאי 6, און זיי האבן געמוטיגט ניו יארקער צו איבערקוקן זייער אייגענע עמערדזשענסי גרייטקייט פלענער פאר דעם בעפארשטייענדן 2023 אטלאנטישע הוריקאן סעזאן. הוריקאנען און טראפישע שטורעמס זענען געפארפולע שטורעמס וועלכע קענען פאראורזאכן טויט און קאטאסטראפאלע שאדן, איבערלאזנדיג קאמיוניטיס זיך ראנגלענדיג מיט די נאכוויען פאר וואכן, חודשים און אפילו יארן דערנאך. די יערליכע קאמפיין, בשותפות מיט די [נאציאנאלע הוריקאן צענטער](National Hurricane Center, NHC), איז אויסגעשטעלט צו אויפקלערן ניו יארקער איבער די סכנה פון טראפישע שטורעמס, וויאזוי זיך צו גרייטן דערפאר און בלייבן זיכער דורכאויס א הוריקאן, און אזוי אויך וואס צו נעמען אין באטראכט ביים אויפרייניגן נאך א שטורעם.

דער אטלאנטישער הוריקאן סעזאן לויפט פון יוני 1 ביז נאוועמבער 30. לויט די נאציאנאלע אקעאנישע און אטמאספערישע אדמיניסטראציע (National Oceanic and Atmospheric Administration, NOAA) און די NHC זענען 14 באזונדערע הוריקאנען פארגעקומען אין 2022 אין די אטלאנטיק. שטייענדיג בלויז איין חודש אוועק פון דעם 2023 אטלאנטישער הוריקאן סעזאן, האט גאווערנער האקול גערופן אויף ניו יארקער זיך צו גרייטן פון פאראויס.

"מיין הויפט ציהל – זאל עס זיין א חורבנות'דיגע הוריקאן, א שרעקליכע ווינטער שטורעם אדער סיי וועלכע אנדערע וועטער-פארבינדענע געשעענישן – וועט שטענדיג זיין צו האלטן ניו יארקער זיכער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכאויס מיין ערשטע חודש אין אפיס, ווען הוריקאן איידא האט דורכגעשניטן ניו יארק סטעיט, האב איך געזעהן ערשטהאנטיג די שרעקליכע נאכוויען וואס הוריקאנען קענען איבערלאזן אויף אונזערע קאמיוניטיס. מין אדמיניסטראציע זעצט פאר צו ארבעטן מיט אירע שותפים אריבער אלע שטאפלען פון רעגירונג צו אמבעסטן באשיצן ניו יארק סטעיט קעגן די השפעות פון קאטאסטראפאלע שטורעמס ווי הוריקאנען."

אין 2022 האט גאווערנער האקול אנאנסירט א שריט פלאן דורך די גאווערנער'ס אפיס פון שטאנדהאפטיגע היימער און קאמיוניטיס (Governor's Office of Resilient Homes and Communities) צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס פאר צוקונפטיגע שטורעמס. די

פארגעשלאגענע פלאן האט אריינגערעכנט 41.2 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג צו שטיצן אינציאטיוון וועלכע וועלן העלפן אין די פארגאנגענהייט זיך צו צופאסן צו די השפעות פון קלימאט טויש בשעת'ן שטעלן אלץ פריאריטעט היסטאריש-פארקוקטע קאמיוניטיס. פראגראמען זענען אפן פאר קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי מיט א פרעזידענטליכע קאטאסטראפע דעקלעראציע פאר הילף פאר איינצלנע מענטשן, אריינרעכענענדיג דאַטשעס, נעסאו, אראנדזש, ראקלענד, סופאָלק און וועסטשעסטער קאונטיס. די גאווערנער'ס אפיס זעצט אויך פאר צו אויפהאלטן א וועבזייטל פאר די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך איידא, אריינרעכענענדיג לינקס צו פארלייכטערונג און הילפס-מיטלען פאר אויפרייניגונג און פאררעכטונג באמיאונגען.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "ניו יארקער וועלכע וואוינען אין קאמיוניטיס נעבן די ברעגעס זענען גוט באקאנט מיט די השפעות פון שווערע רעגנס, חורבנות'דיגע ווינטן און פארפלייצונגען וועלכע ווערן אנגעברענגט דורך טראפישע שטורעמעס און האריקאנען יעדן זומער. צום באדויער האבן מיר אנגעהויבן פילן די השפעות אויך אין אנדערע חלקים פון די סטעיט, צומאל הונדערטע מיילן אוועק פון די ים ברעגעס אין אפסטעיט ראיאנען. עס איז קריטיש אז יעדער ניו יארקער זאל אוועקגעבן צייט די וואך און דורכאויס די חודש צו גיבן פריאריטעט פאר האריקאן גרייטקייט: זייט באקאנט מיט די סכנות, בלייבט אינפארמירט און האט א פלאן."

**נאציאנאלע האריקאן צענטער דירעקטאר, מייקעל ברענען, האט געזאגט,** "איך מוטיג אלע ניו יארקער זיך צו גרייטן פאר דעם בעפארשטייענדן האריקאן סעזאן. די ערשטע שטאפל איז צו זיין באקאנט מיט די סכנות. אויב איר וואוינט נעבן די ים ברעגעס, געפונט אויס אויב איר זענט אין א שטורעם עוואקואירונג זאנע, און האט אן עוואקואירונג פלאן גרייט אויב איר ווערט געבעטן צו פארלאזן אייער היים בעפאר א שטורעם. פארפלייצונגען פון שווערע רעגן קענען אייך אפעקטירן אפילו אויב איר וואוינט טיף אריין אין די טרוקעניש, הונדערטע מיילן אוועק פון די ברעג. אזוי ווי מיר האבן געזעהן מיט איידא אין 2021 אין ניו יארק, איז רעגן וואסער פארפלייצונג געווען די טויטליכסטע סכנה פון טראפישע שטורעמעס און האריקאנען אין די פארגאנגענע 10 יאר."

**האריקאן זיכערהייט**

אלע ניו יארקער זאלן וויסן וויאזוי צו נאכפאלגן טראפישע שטורעמעס און באקומען צייטליכע ווארענונגען וואס לאזן זיי וויסן וואס זיי דארפן טוהן צו בלייבן זיכער, אריינרעכענענדיג עוואקואירונג. די בעסטע וועג צו באקומען צייטליכע וועטער ווארענונגען איז זיך צו איינשרייבן פאר NY-Alert, אן אומזיסטע סערוויס וואס גיבט וועטער און אנדערע עמערדזשענסי-פארבינדענע אלערטס.

נעמט אונטער די פאלגנדע שריט צו זיכער מאכן אז איר און אייערע באליבטע זענען באשיצט:

- מאכט א פאמיליע קאטאסטראפע פלאן און ווייסט וויאזוי זיך צו פארבינדן מיט פאמיליע מיטגלידער אין יעדע צייט. באשטימט א פריינד אדער פאמיליע מיטגליד אינדרויסן פון שטאט צו זיין די "עמערדזשענסי פאמיליע קאנטאקט", מאכט זיכער אז אלע פאמיליע מיטגלידער האבן די קאנטאקט אינפארמאציע.
- באשטימט א פלאץ וואו איר וועט זיך צוזאמטרעפן אין פאל פון עמערדזשענסי — א באקאנטע פלאץ וואו די פאמיליע קען זיך צוזאמטרעפן אויב מען קען נישט צוקומען צו די הויז.
- זייט באקאנט מיט האריקאן און שטורעם סכנות אין אייער קאמיוניטי.
- אויב וואוינט איר נעבן דעם ים, לערנט איבער די היסטאריע פון אייער געגנט'ס שטורעמעס און אייערע קאמיוניטי'ס ווארענונג סיגנאלן און עוואקואירונג פלענער, אריינרעכענענדיג זיכערע רוטס ווייט פונעם ים און די לאקאציע פון אפיציעלע שעלטערס.

- ווייסט וואו צו איבערלאזן שטוב חיות דורכאויס א שטורעם — רוב שעלטערס וועלן נישט ארייננלאזן שטוב חיות.

האלט די פאלגנדע סופלייס מיט זיך:

- גענוג קאנזערווירטע עסנווארג און וואסער פאר 10 טעג.
- ראדיאוס און פלעשלייטס וואס ארבעטן אויף באטעריעס און גענוג באטעריעס פאר זיי.
- א פירסט עיד קיט מיט מעדיצינען.
- וויכטיגע דאקומענטן: אינשורענס פאליסיס, מעדיצינישע רעקארדס, באנק אקאונט נומערן, סאָושעל סעקיוריטי קארטל, א.ד.ג. אין א פארמאכטע האלטער וואס לאזט נישט אריין וואסער.
- קעש, א טשעקביכל, קרעדיט קארטלעך און ATM קארטלעך.
- אן עמערדזשענסי קאנטאקט ליסטע פון מענטשן און ארגאניזאציעס מיט וועלכע איר וועט זיך מעגליך דארפן פארבינדן: סקולס, דאקטוירים, פּראָווײַדערס און אינשורענס קאנטאקטן.

נעמט אונטער די פאלגנדע פארמיידונג מאסנאמען:

- פארשאפט און לייגט אוועק מאטעריאלן ווי פּלייוואוד וועלכע זענען נויטיג צו קענען פארזיכערן אייער היים.
- פאררעכט לויזע- און שטאפט אויף פארשטאפטע רעגן אפלויף רערן.
- פארזיכערט און ברענגט אריין אינעווייניג גראז מעבל און אנדערע לויזע לייכטע חפצים ווי מיסט קאסטנס און גארטן געצייג וועלכע קענען זיך אויפהייבן מיט א הויכע ווינט און זיין שעדליך. האלט אויך ביימער און בּושעס ריין פון טויטע האלץ.
- קוקט איבער אינשורענס פאליסיס צו באשטימען די פארנעם פון דעקונג בעפאר א שטורעם קומט אן.
- באשטימט וואו צו רוקן שיפלעך אין פאל פון עמערדזשענסי.
- האלט זיך אינפארמירט מיט די לאקאלע וועטער אומשטענדן דורכן אויסהערן די נאציאנאלע וועטער סערוויס ראדיאָ אויף די NOAA וועטער ראדיאָ און דורך באריכטן פון לאקאלע טעלעוויזיע און ראדיאו סטאנציעס.
- ווייסט וויאזוי צו אויסלעשן די עלעקטריציטעט, הייצונג און וואסער אינדערהיים.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES זיכערהייט און פארמיידונג וועבזייטל בלאט אויף https://dhses.ny.gov/safety.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן